ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## י"ט חשון תשס"ז

## פרשת וירא

טייערע קינדער שלוחים,

דער רבי רש"ב – וועמענס יום הולדת פאלט אויס דעם שבת – איז אמאל געזעסן מיט דעם חסיד ר' מאניע מאנעסזאהן, וועלכער איז געווען א דימאנטן סוחר. דער רבי רש"ב האט גערעדט וועגן דער גרוסקייט פון געוויסע פשוט'ע אידן. ר' מאניע האט דאס געהערט, און האט געזאגט דעם רבי'ן אז ער זעט ניט עפעס ספעציעל אין זיי. דער רבי רש"ב האט אים ניט געענטפערט נאר ער האט געבעטן זען די דיימאנטן וואס ר' מאניע האט מיט זיך געבראכט. ר' מאניע האט געוויזען דעם רבי'ן פארשידענע דימאנטען און האט ערקלערט וועלכע זיינען די ביליגערע און וועלכע זיינען די טייערע. דער רבי רש"ב האט זיי אנגעקוקט און האט געזאגט אז ער זעט ניט עפעס ספעציעל אין יענע וואס זיינען טייערער. "אה!" האט ר' מניע געזאגט, "צו זען די ספעציעלקייט פון יענע דימאנטן דארף מען זיין א מבין אין דימאנטן!" "אהא!" האט דער רבי רש"ב געזאגט, "אויף נשמות דארף מען אויך זיין א מבין!"

קינדער, איר האט דעם זכות פארנעמען זיך מיט דעם אויבערשטענ'ס דימאנטן, די טייערע אידן וועלכע קומען אריין אין אייער הויז אדער בית חב"ד.

טראכט זיך אריין אין דעם גרויסן זכות וואס איר האט, און דאס וועט אייך זיכער געבן מער חיות אין אייער שליחות. אמאל קומט אן שווער די הכנסת אורחים וואס מאנט זיך פון שלוחים, אבער איר וועט דאס זיכער טאן מיט א שמייכל און מיט א צופרידענעם הארץ, וויסנדיק אז איר האנדלט מיט דימאנטן!

א. וועכטער

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
בן הרה"ח ר' **נפתלי** שו"ב ע"ה **יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת וירא

והוא יושב פתח האהל

והוא יושב פתח האהל (אברהם אבינו איז געזסן בא דער טיר, בא דער עפענונג פון זיין געצעלט). עס ווערט דערציילט אין מדרש, אז ווען דער אויבערטשער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו איז אברהם אבינו געזעסן, און האט זיך געוואלט אויפשטעלן. האט אים אבער דער אויבערשטער געזאגט אז ער זאל בלייבן זיצן. האט אברהם געזאגט דעם אויבעשרשטן אז ס'פאסט ניט, ס'האט קיין ארט ניט אז ער (אברהם) זאל זיצן בשעת דער אויבערטשער שטייט. האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז ער זאל בלייבן זיצן וויל ער איז אלט.

דער אויבערשטער האט פארגעניגן אז ער שטייט לעבן אברהם אבינו בשעת ער זיצט, ווארום אברהם אבינו האט מקיים געווען מצוות, ער האט מכניס אורחים געווען , און מקיים געווען פארשידענע מצוות.

און דער מדרש פארענדיקט אז דער אויבערשטער האט מבטיח געווען אברהם'ען אז אזוי וועט זיין לעתיד לבוא בא זיינע אייניקלאך און אור–אייניקלעך עד סוף כל הדורות:

בא אברהם אבינו וועלן געבארן ווערן אייניקלעך און אור–אייניקלעך, און בשעת זיי וועלן זיין נאך גאר קליין (דריי יאר אלט, פיר יאר אלט) און וועלן גיין אין בתי מדרשות און בתי כנסיות, אין א בית, אין אן ארט וואו מ'לערנט מיט זיי תורה און דאווענען - וועט דעמולט זיין אלקים נצב בעדת א–ל: די קינדערלאך וועלכע זיינען פארבונדן מיט א–ל מיט ג–טלעכקייט, דורך לערנען זיין תורה און מקיים זיין זיינע מצוות - וועלן זיצן, און דער אויבערשטער שטייט איבער זיי און היט אויס און באהיט זיי!!

דער מדרש שטרייכט אונטער, אז אין דעם וואס דער אויבערשטער שטייט איבער אידן - **"אלקים נצב בעדת א–ל"**, און דאס גלייכן אין מאמר: **"והנה ה' נצב עליו ומלוא כל הארץ כבודו ומביט עליו כו"** ווערן אריינגערעכנט אפילו גאר קליינע קינדער, אנהויבנדיק נאך ווען זיי זיינען אלט דריי–פיר יאר, וואס זיצן און

(המשך אין עמוד 2)



# דערציילט מיר א מעשה

אין דער צייט פון רבי'ן רש"ב זיינען געווען אידן וועלכע האבן זיך אנגערופען ציונים. זייער אמת'ע כוונה איז געווען אוועקצונעמן אידן פון אידישקייט. דער רבי רש"ב האט פיל מאל גערעדט אנטקעגן זיי, און האט איינמאל געשריבן זייער א שארפן בריוו אנטקעגן זיי. די חסידים האבן מורא געהאט אז אויב ער וועט ווייטער רעדן אנטקעגן זיי, וועלן זיי פראווון טאן שלעכטס צום רבי'ן ח"ו.

די חסידים האבן ניט געהאט די חוצפה בעטן דעם רבי'ן אליין אז ער זאל אויפהערן, און האבן זיך דעריבער געוואנדען צו דעם רבי'נס מוטער, רביצין רבקה, און איר געבעטן צורעדן דעם רבי'ן אז ער זאל אויפהערן אזוי שטארק ארויסצוטרעטן אנטקעגן די ציונים.

ווען רביצין רבקה האט געהערט וואס זיי האבן געזאגט, האט זי געזאגט: "איר ווילט אז איך זאל אים איינרעדן בייטן זיין דעה? איך וועל אים קיינמאל ניט זאגן דאס צו טאן! עס זעט אויס אז איר פארשטייט ניט ווי גלייך איז זיין קאפ!"

*און זי האט זיי דערציילט די פאלגענדע מעשה*: ווען דער רבי רש"ב איז געווען א קליין קינד, פלעגט ער יעדן טאג צוזאמען מיט זיין עלטערען ברודער, דער רז"א, באזוכן זייער זיידען, דעם צמח צדק. איינמאל האט דער רז"א ניט געפונען דעם היטל מיט וועלכן ער פלעגט אריינגיין יעדעס מאל צו זיין זיידען אויף יחידות, איז דער רש"ב געגאנגען אליין.

דער צמח צדק האט אים אויפגעהויבן אויף זיין שויס און האט אים געהאלטן א ווייל. דערנאך האט ער אים געגעבן פינף קופעק (א רוסישע מטבע), און אים געקושט. ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער דערציילט פאר אלעמען, אז דעם מאל האט ער באקומען א מטבע, און אויך א קוש!

דער רז"א איז געווען זייער אומצופרידן אז ער האט פארפעלט די געלעגנהייט, און ער האט ארויסגענומען די מטבע פון זיין ברודער'ס האנט.

דער רבי רש"ב האט אויסגעשריען: " דו קענסט נעמן דאס געלט, אבער דו קענסט קיינמאל ניט צונעמען פון מיר דעם קוש!"

דער רז"א האט חרטה געהאט אויף דעם וואס ער האט געטאן, און האט צוריקגעגעבן די מטבע צו זיין ברודער.

דער רש"ב האט אים אבער נאכאמאל געזאגט: "דו קענסט האבן דאס געלט, און איך וועל האבן דעם קוש!"

רביצין רבקה האט פארענדיקט איר מעשה, און האט געזאגט, "אויב ווען ער איז נאך געווען אזוי יונג האט ער שוין פארשטאנען דעם חילוק צווישן געלט און א קוש, ווי קען מען זאגן אז ווען ער איז א רבי זאל ער ניט אליין וויסן פונקט וואס צו טאן? איך זאל אים געבן אן עצה?!"

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

לערנען תורה!

און דער אויבערשטער שטייט איבער זיי אין אן אופן פון "**נצב**" וואס נצב באווייזט אויף דער גאנצער **שטארקייט**.

און וויבאלד אז דער אויבערשטער שטייט מיט דער שטארקייט, "נצב" איבער די קינדער– ווערט די שטארקייט איבערגעגעבן כביכול צו די קינדער, אז זיי זיינען מבטל און רעכענען זיך לגמרי ניט מיטן יצר.

דערפון קען יעדער אידיש קינד נעמען א שטארקן חיזוק אין זיין מלחמה מיט זיין "יצר", אויף אינגאנצן ניט נתפעל ווערן פון דעם "יצר".

בשעת דער יצר וויל איינרעדן א קינד אז די צוקערקע איז א געשמאקע און די צאצקע איז א שיינע, און ער דארף זיך ניט רעכענען דערמיט וואס א צווייטער קינד איז געווען דער ערטשער וואס האט עס געוואלט האבן, און זיכער - זאגט אים דער יצר הרע - דארף ער זיך ניט יאגן אפגעבן כבוד דעם צווייטן קינד - ווערט דער קינד אינגאנצן ניט נתפעל פון דעם יצר. ווייל וויסנדיק אז ער האט באקומען א שטארקייט פון "**אלקים נצב בעדת א–ל**" איז ער אינגאנצן מבטל דעם יצר. דער יצר האט קיין באטרעף ניט ביי אים ווייל ער גייט מיט "אלקים (וועלכער איז נצב בעדת א–ל" מיט דער שטארקייט פון דעם אויבערשטן, זייענדיק **משמש את קוני** (ער דינט דעם אויבערשטן).

און דעמולט איז זיכער אז דער יצר ווערט אינגאנצן בטל, און דער קינד ווערט אויסגעהיט סיי אין "סור מרע" סיי אין "עשה טוב"!

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער– שיחת ל"ג בעומר תשמ"ג)*

ווען דער רֶבִּי רַשַ"ב, אִיז געווען אַ קִינְד פון פִּיר אָדֶער פִּינְף יאָר. האָט אִים זַיין מוטֶער הַרִבָּנִית רִבְקָה אַרַיינגעפִּירט צוּ זַיין זַיידֶע דער צֶמַח צֶדֶק מְקַבֵּל זַיין אַ בְּרָכָה", לִכְבוֹד זַיין יוֹם הוֹלֶדֶת בְּשַׁבָּת קוֹדֵש פרשת וירא.

אַרַיינגֵייעֶנדִיק צוּם צֶמַח צֶדֶק, האָט עֶר זִיך פאַרנאַנדֶער – געוויינט. האָט אִים דער צֶמַח צֶדֶק געפרעגט וואָס ווֵיינט עֶר, האָט עֶר געענטפֶערט, אַז ער האָט געלֶערנט אִין חֵדֶר אַז דער אוֹיבֶּערשטֶער האָט זיך באַוויזן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ, און צוּ אונז באַווייזט ער זִיך נִיט, אוֹיף דעם ווֵיינט עֶר.

האָט אִים דער צֶמַח צֶדֶק געענטפֶערט: אַז אַ אִיד אַ צַדִיק צוּ נַיין און נַיינצִיק יאָר באַשלִיסט אַז עֶר דאַרף זִיך מַל זַיין – ווערן בֶּעסֶער אִיז עֶר ווערט אַז דער אוֹיבֶּערשטֶער זאָל זִיך באַוֵוייזען צוּ אִים.

זאָגט דער רֶבִּי, אַז פון דִי מַעֲשֶׂה דאַרפן מִיר אָפּלֶערנֶען צְוֵויי זאַכן.

1. פון דעם רֶבִּינ'ס ווֵיינֶען, קעֶן מעֶן אָפּלֶערנֶען, אַז יעֶדער אִיד קעֶן מאָנֶען, אַז דער אוֹיבֶּערשטֶער זאָל זִיך באַוֵוייזן צוּ אִים אַזוֹי וִוי צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ.
2. פוּן דעם צֶמַח צֶדֶק'ס ענטפער קעֶן מעֶן אָפּלֶערנֶען – אַז אֶמֶת טאַקעֶ יעֶדער אִיד קעֶן מאָנֶען אַז דער אויבערשטער זאָל זִיך צוּ אִים באַוֵוייזן, עס פאָדערט זִיך אָבֶער אַן הַקדָמָה: ער זאָל וִויסן אַז ער דאַרף זיך מַל זַיין– וואס דאס מיינט –ווערן בעסער.

# דער חסידישער לוח

## כ׳ חשון תרכ״א



### יום הולדת פון רבי׳ן רש״ב

קינדער, ווען א צדיק ווערט געבארן, איז עס א ספעציעלער יום טוב ניט נאר פאר זיינע עלטערן, נאר פאר דער גאנצער וועלט. דער שבת איז כ׳ חשון - דער יום הולדת פון רבי׳ן רש״ב.

די געשיכטע וועגן דער געבורט פון רבי׳ן רש״ב איז א ספעציעלע מעשה.

איידער דער רבי רש״ב איז געבארן געווארן האט זיין מאמע, רביצין רבקה, געהאט א חלום. אין חלום איז געקומען צו איר איר מאמע, און איר זיידע - דער מיטעלער רבי. איר מאמע האט איר געזאגט אז זי מיט איר מאן - דער רבי מהר״ש - זאלן שרייבן א ספר תורה, און דער זיידע האט צוגעלייגט, "און דו וועסט האבן א גוטן זון - און ווען דו וועסט אים געבן א נאמען, זאלסטו ניט פארגעסן אויף מיין נאמען!"

א פאר טעג שפעטער האט זי געהאט נאך א חלום. אין דעם חלום איז געקומען צו איר אויך דער אלטער רבי. ווען ער האט איר געבענטשט, האט זי געענטפערט "אמן!"

רביצין רבקה איז אויפגעשטאנען פון איר שלאף, און האט באמערקט אז איר מאן האט געהערט ווי זי זאגט "אמן!" ווען ער האט איר געפרעגט וועגן דעם, האט זי אים דערציילט איר חלום.

זיי האבן גלייך געלאזט שרייבן א ספר תורה. עס האט גענומען צייט צו ענדיקן די ספר-תורה, ווייל זיי האבן עס געוואלט טאן מיט אלע הידורים - אויפ׳ן בעסטן אופן.

ניט לאנג שפעטער איז צו זיי געבארן געווארן א זון. מען האט ניט פארגעסן דעם ערשטן חלום און אים גערופן מיט׳ן נאמען **שלום דובער** - *דובער* נאך דעם מיטעלען רבי׳ן.

ווען דער רבי רש״ב איז געווארן דריי יאר אלט, איז ער געגאנגען צום צמח צדק פאר זיין אפשערניש. דער צמח צדק האט אים געזאגט, אז עס איז פאראן א רוחניות׳דיגע קרוג פון בוימל מיט וועלכער מען קרוינט א נשיא, "און מיט דעם זאג איך דיר אז דו וועסט זיין א נשיא אין חב״ד!"

אין יענעם טאג האט אים דער צמח צדק אריינגעפירט אין חדר.

יא אלול, תרל״ה , ווען דער רבי רש״ב איז געווען 14 יאר אלט, האט ער חתונה געהאט מיט זיין קוזינע רביצין שטערנא שרה.

דער רבי רש״ב איז באוואסט געווארן אלס דער רמב״ם פון חסידות ווייל ער האט געזאגט אסאך חסידות - מער פון 2000 מאמרים!

אין תרנ״ז, אין דער וואך פון שבע-ברכות פון זיין זון, דער פריערדיקער רבי, האט דער רבי רש״ב געגרינדעט די ישיבה תומכי תמימים.

איינמאל איז געקומען צום רבי׳ן איינער פון די רוסישע רעגינרונגס-לייט און האט אים געזאגט אז אין דער ישיבה מוז מען לערנען אלע טאג 4 שעות פון לימודי חול! פארשטייט זיך אז דער רבי רש״ב האט דערצו ניט מסכים געווען. ווען דער מענטש איז אוועקגעגאנגען האט ער געזאגט, "יעצט ווייס איך וויפל שעות די תמימים זאלן לערנען חסידות - 4 שעה א טאג!"

ישיבת תומכי תמימים און די בחורים, די תמימים, זיינען געווען זייער באליבט ביים רבי׳ן.

דער פריערדיקער רבי איז אמאל געווען אין ארץ ישראל, האט ער זיך געטראפן מיט הרב אברהם יצחק קוק. הרב קוק האט אים דערציילט וועגן א נס פון זיין הייליגען פאטער - דער רבי רש״ב. דער פריערדיקער רבי האט געזאגט - "מיין טאטע׳ס גרעסטער נס זיינען די תמימים!"

פיל נסים ווערן דערציילט וועגן רבי׳ן רש״ב. איינמאל איז געקומען א חסיד צום רבי׳ן רש״ב, און איידער ער איז אהיימגעפארן, האט אים דער רבי רש״ב געבעטן ער זאל אים געבן זיין געלט, און דער רבי וועט דאס שפעטער שיקן צו אים. דער מענטש האט ניט פארשטאנען פארוואס דער רבי טוט דאס, אבער וואס דער רבי הייסט טוט מען! אויפן וועג אהיים האבן אים באפאלן רויבערם. ווען זיי האבן געזען אז ער האט ניט אויף זיך קיין געלט, האבן זיי אים אפגעלאזט אהיים צו גיין! זיין געלט און מסתמא אויך זיין לעבן זיינען געראטעוועט געווארן!

# משיח נאו!



*דער רבי רש״ב האט ערקלערט די ווערטער פון אלטן רבי׳ן* וואס ער האט געזאגט אז ווען משיח וועט קומען, וועט וועגן דעם זיין געדרוקט אין אלע צייטונגען, אז לאו דוקא וועט עס שטיין אין די צייטונגען, נאר עס מיינט אז אלע אידן וועלן זיין גרייט פאר משיח ווי עס וואלט געשטאנען אין צייטונג!

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת וירא

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

ווען איז דער רבי רשב׳ס געבורט טאג? ________________

וואו איז דער רבי רש״ב געבארן געווארן? ________________

ווער איז געווען זיין הייליקן טאטע? ________________

ווער איז געווען זיין הייליקן מאמע? ________________

וועלכע רבי איז געקומען צו רביצין רבקה אין חלום צוזאמען מיט
דער מיטעלער רבי? ________________

וואס האבן דער רבי מהרש און רביצין רבקה געשריבן אין זכות פון
זייער זון? ________________

וואס איז געווען דער רבי רשב׳ס נאמען ? ________________

נאך וועמען איז דער רבי רשב׳ס צווייטע נאמען? ________________

ווער איז געווען זיין רביצין? ________________

וועלכע ישיבה האט ער אנגעהויבן? ________________

ווער איז געווען זיין זון? ________________

וואו איז זיין אהל? ________________

| | | | |
|---|---|---|---|
| ליובאוויטש | תורה | תומכי תמימים | רוסטוב |
| רביצין רבקה | אלטער רבי | דער פריערדיקער רבי | מיטעלער רבי |
| שלום דובער | רבי מהר״ש | ב׳ ניסן | יוסף יצחק |

## הצלחה רבה

נאמען: ________________ ווי אלט: ______

אדרעס: ________________________

________________________

אימייל: ________________